# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:56
מוצאי שב"ק.....................8:21

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................משלי ה'-ו'
בבלי.........................עירובין ל"ד
ירושלמי...................שקלים ח'
תוספתא.....................גיטין ה'
רמב"ם.......................תפלה ג'

פרשת נצבים וילך, כ"ג אלול, אבות פרק ה'-ו', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 51 (465)

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה

דִי אַלֶע שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע לְמוּדִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז נִישְׁט נָאר פַאר אַמָאל, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן וַוייטֶער און וַוייטֶער, מְחַיֶה זַיין אַלֶע אִידְן אוּן אַלֶע דוֹרוֹת וַוייטֶער, וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט דִי וָואךְ: **וְלֹא אִתְּכֶם לְבַדְּכֶם... כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה... וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה** (דְּבָרִים כט, יג-יד). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט מִיט אַ פְלַאם פַייעֶר: "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן!" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רט). וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ מְחַזֵק צוּ זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת.

דָאס זֶעעֶן מִיר אוֹיךְ בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-א כב, ב), אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַרוּם זִיךְ פִיר הוּנְדֶערְט צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶען אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן צוּלִיבּ זֵייעֶרֶע חוֹבוֹת, אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶועְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ? נָאר תְּפִלָּה! אַזוֹי וְוִי עֶר זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קט, ד): "וַאֲנִי תְפִלָּה" – אִיךְ בִּין אַ שְׁטִיק תְּפִלָּה. אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה אִיז עֶר שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער עִקַּר תְּפִלָּה מֵיינְט פָּשׁוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכט): "אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דֶער עִקַּר תְּפִלָּה אַז וֶוען אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט, הָאט עֶר דָאס גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, מִיט דֶעם הָאט עֶר מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה פוּן דַאוֶוענֶען (תַּעֲנִית דַּף ב ע"א), נָאר נָאכְדֶעם הָאבְּן דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה גֶעזֶען אַז עֶס גֵייט זַיין אַ גְרוֹיסֶער גָּלוּת, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַ נוּסַח הַתְּפִלָּה, יֶעדֶער זָאל דַאוֶוענֶען דֶעם זֶעלְבְּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דְרֵיי מָאל אַ טָאג, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תְּפִלָּה (כִּמְבוֹאָר בְּרַמְבַּ"ם תְּחִלַּת הִלְכוֹת תְּפִלָּה), אָבֶער אֲפִילוּ הַיינְט אִיז נָאךְ אַלְץ דֶער עִקַּר שְׁלֵימוּת צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צוּ אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַלֶעס זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער".

וְוִי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנג), אֵיינְמָאל הָאבְּן זַיינֶע תַּלְמִידִים בַּאמֶערְקְט וְוִי עֶר זָאגְט עֶפֶּעס בַּיי סוֹף שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיי 'אֱלֹקַי נְצוֹר', הָאבְּן זֵיי צוּגֶעלֵייגְט אַן אוֹיעֶר... הֶערְן זֵיי וְוִי דֶער רֶבִּי בֶּעט זִיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק דִי דִינְסְט, אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן". דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה; שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי תַּלְמִידִים צַאמְגֶעזֶעצְט אוּן אַרַיינְגֶעקְלֶערְט, וְוִיבַּאלְד בַּיים רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס אִיז דָאךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר רֶעדְט אַ יִחוּד, אִיז וָואס הָאט גֶעקֶענְט בַּאדֵייטְן דִי וֶוערְטֶער "בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק דִי דִינְסְט", אֵיין תַּלְמִיד הָאט גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דִי שְׁכִינָה"... אַן אַנְדֶערֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעזָאגְט אַן אַנְדֶערְן פְּשַׁט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען פְּרָאבִּירְט אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען לוֹיט וִויפִיל דָאס בַּאטְרֶעפְט צוּ וָואסְפַאַרַא שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים דֶער רֶבִּי הָאט אֶפְשָׁר גֶעקֶענְט מֵיינֶען דֶערְמִיט, אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעקְלֶעבְּט גֶעהֶערִיג... זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אוּן זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "מִיר ווִילְן דָאךְ אַלֶעס לֶערְנֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר קֶען אוּנְז דֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְן דִי פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער? אֶפְשָׁר אִיז יֶעצְט דִי שְׁכִינָה אִין אַ מַצָּב פוּן אַ דִינְסְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה?!", הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁמֵייכְלֶען אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "דִי רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעהַאט אַ דִינְסְט וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן, הָאט זִי זִיךְ פַאר מִיר בַּאקְלָאגְט, אַז זִי הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ פִירְן אַלֵיין דִי ווִירְטְשַׁאפְט מִיט אַזוֹיפִיל שְׁטוּב אַרְבֶּעט, אִיךְ זָאל אִיר זֶען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דָאס פָּשׁוּט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער...!"

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וְוִי אַזוֹי אַ צַדִּיק בֶּעט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דִי חֲסִידִים לֶערְנֶען אַרַיין אַלֶע מִינֵי פְּשָׁטִים, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז פָּשׁוּט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַּדְלוּת פוּן אַ צַדִּיק.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז אַ בֶּגֶד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צוּרִיסְן, עֶר אִיז דַאן גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג אָרֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ,
<<<<<<

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ אִים דִי גַאנְצֶע יָאר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס פַּאסִירְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, קֵיינֶער לֶעבְּט נִישְׁט קֵיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט ווִיסְן פוּן קֵיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט פְּרָאצֶעס. עֶר ווֵייסְט אַז זַיין גוֹרָל לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם רִיכְטֶער. דֶער רִיכְטֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ הַארְבְּן שׁוּלְד-אוּרְטֵייל, אוּן עֶר קֶען פַאר'מִשְׁפָּט'ן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אָדֶער קֶען דֶער רִיכְטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשְׁן אוּן אִים בַּאגְנָאדִיגְן אוּן אִים אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דֶער פְרֵיי. וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ זִיכֶער גֶעוָוארְפְן צוּ דִי פִיס פוּנֶעם רִיכְטֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת, אַז עֶר זָאל אִים נָאר אוּרְטֵיילְן אוֹיף אַ גוּטֶע אוּן רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶועג.

זִיכֶער וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט, וָואס הָאט דֶעם שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר הָאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם רִיכְטֶער.
<<<<<<

## א גוט ווארט

תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט לֵב נִשְׁבָּר. אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מא): "לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת - אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל. כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב, אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל. וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת הָאט עֶר נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קְדוּשָׁה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (שָׁם, סִימָן מב; רלא): "וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּן עַצְבוּת?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז מֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַלֶעמֶען, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז מֶען נִישְׁט בְּרוֹגֶז, נָאר מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ'", אוּן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ תשי"פ)

# ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס הָאט מִיר מַמָשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אַ נֵייעֶ מֹחַ, פָּשׁוּט שֵׂכֶל! אִיךְ לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, תְּפִילָה, אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ פָּאלְג זֵיי אוֹיפְ'ן רֶגַע, אַ זַאךְ פוּן וָואס זֵיי שֶׁעפְּן פִיל נַחַת פוּן מִיר.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז יוּנְגֶער פוּן מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אִיר נַאטוּר, אִיךְ זוּךְ אַלְץ נִישְׁט צוּ זַיין מִיט אִיר צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער סְ'מַאכְט נֶערְוֶועז וֶועמֶען. אָבֶער דִי מְצִיאוּת אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען קַבָּלוֹת צוּ רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין, אִיר פָּאלְגְן וָואס זִי בֶּעט מִיר, אִיר עֶנְטְפֶערְן שֵׁיין, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען זִי רֶעדְט צוּ מִיר, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר. אוּן אַז אִיךְ רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר אִיז עֶס נָאר וַוייל אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף מִיר.

אִיךְ ווִיל אַ עֵצָה, אִיךְ ווִיל ווִיסְן צִי אִיךְ וֶועל נָאךְ קֶענֶען אַמָאל זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר שֵׁיין אַזוֹי ווִי צְוֵויי גוּטֶע פְרַיינְד.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אִיר קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט אֵייעֶר יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער. עֶס אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן דֶעם גֶעפִיל; מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן זֵיי. רוֹב מָאל קוּמְט דֶער גֶעפִיל וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען טְרָאגְט דִי אַחְרָיוּת אוֹיף זֵיי, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵייעֶר רֶעדְן, פוּן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַז אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אִיר טְרָאגְט נִישְׁט קַיין אַחְרָיוּת ווִי אַזוֹי אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף, עֶס אִיז נִישְׁט אֵייעֶר אַחְרָיוּת ווִי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ - וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער אִיר אוֹיפְפִירוּנְג, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִיר ווִי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל, וֶועט עֶס אַייךְ נִישְׁט אַזוֹי נֶערְוֶועז מַאכְן.

וֶוען אִיר מַאכְט קַבָּלוֹת, אִיר ווִילְט זַיין גוּט; דַארְפְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קַבָּלוֹת צוּ פָאלְגְן אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אוּן צוּ טוּן וָואס זִי בֶּעט אַייךְ, פָאלְגְן זָאלְט אִיר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פָאלְגְן דַארְף מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיינֶע פְרַיינְט שֵׁיין, "וְאַל יַעֲלֶה בְּלִבֵּנוּ שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה", אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן.

ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט; עֶס בַּאדֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹיפִיל זַאכְן, עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט מֶער דִי זַאכְן וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶערְן בִּיז אַהֶער. רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי ווִי דָאס כָּשֵׁר מַאכְן פְלֵייש, מֶען זַאלְצְט דִי פְלֵייש אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בְלוּט, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת פוּן זִיךְ, דוּרְכְדֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר אוּן מֶען וֶוערְט אַ כָּשֵׁר שְׁטִיקְל פְלֵייש, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ תש"פ)

>>>>>>

אוּן מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אַדְוָואקַאט אַז עֶר זָאל טוּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים רִיכְטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פְּסַק וָואס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

גְענוֹי דָאס אִיז וָואס עֶס פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער רִיכְטֶער, עֶר מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים, עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט צִי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל חַ"ו פַארְאוּרְטֵיילְט וֶוערְן צוּ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָדֶער זָאל עֶר גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערְן מִיט חֶסֶד אוּן רַחֲמִים, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּן זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אוּן מִשְׁפָּטְ'ן מִיט רַחֲמָנוּת, נָאר מִיט גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

## אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַאר אִים אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעמְט עֶר מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נָאר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ פְּרוֹי זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען אִיר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס. וָואס קֶען דֶען זַיין אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אוֹיף זַיינֶע פְּלֵייצֶעס, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן וָואס קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר זֶעט אַז דִי אִידְן זָאלְן אַהֵיים פָארְן מִיט זֶעק אוּן פֶּעק פוּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶ גוּטֶע יָאר.

אַוַודַאי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב. וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶער אַבִּיסְל אַרַיין, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע יָאר מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ פְּרוֹי זָאל וֶוען ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וָואס זִי וֶועט הָאבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר גֵייט מֶען אָנְשְׁרַייבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט זִי דֶען גֶעקוּקְט אוֹיף חַבֶר'טֶעס וֶועלְכֶע וֶועלְן אֶפְשָׁר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן? מִיט וָואס וֶועט אִיר דִי חַבֶר'טֶע הֶעלְפְן וֶוען זִי וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה? זִי וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען צוּשָׁאקְלְן דִי קָאפּ מִיט רַחֲמָנוּת. אָבֶער אַז אִיר מַאן וֶועט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועט עֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אַלֶעס וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דַארְפְן אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס דֶער מַאן פָארְט אוֹיף אוּמַאן. אָבֶער עֶס אִיז פִיל גְרִינְגֶער ווִי זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע יָאר.

אַז דִי מֶענֶער פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר. אִין דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער מַאן פָארְט אַמָאל אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָן דִי ווַייבּ, עֶר פָארְט בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אוּן דֶערְנָאךְ פָארְט דִי ווַייבּ אַוֶועק וַואקַאצְיֶע מִיט אִירֶע חַבֶר'טֶעס. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ מַאן זָאל נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ, אוֹיבּ פָארְט מֶען אוֹיף וַואקַאצְיֶע זָאל מֶען פָארְן מִיט דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי מֶענֶער. אוּן דֶערִיבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זִיכֶער עֶרְלֶעדִיגְן אַז מֶען זָאל טַאקֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים.

## אוּמַאן אִין דִי צֵייטוּנְגֶען

אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אִין דִי פּוּבְּלִיקַאצִיעֶס, וֶוערְט אוּמַאן אַרָאפְּגֶעמָאלְן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן אִין אוּמַאן. דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער ווִי אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ בִּילְד ווִי אַ אִיד זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, ווִי אִידְן דַאוֶוענֶען דִי תְּפִלּוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט מָאדְנֶע בִּילְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל דָאס מַאכְט לַיידֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן מוֹרָא צוּ הָאבְּן צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן, פְרוֹיעֶן הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן. אוּן דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אוּמְפַארַאנְטְוָוארְטְלִיכֶע רֶעדַאקְטָארְן.

אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אָבֶער אַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס דָארְט גֵייט פָאר. אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער קוּמְט נָאר מִיט אֵיין צִיל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

אַוַדַאי אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַזוֹיפִיל אִידְן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן פוּן יֶעדְן עֶק וֶועלְט, פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן, זֶעט עֶס אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶער דִי אַלֶע אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי ווִי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶעם גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר ווִי טֵייל מֶענְטְשְׁן לִיגְן מִיט אִינְטֶערְווִינֶעס, טֵייל זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר ווִיל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן. וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַ פְּרוֹי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אוּמַאן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. אַ וואוֹילֶע פְּרוֹי וֶועט שֵׁיין אַיינְפַּאקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אִיר מַאן, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע בַּקָשׁוֹת, אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכְן אִין וָואס זִי נוֹיטִיגְט זִיךְ, אוּן אִים אָנְזָאגְן אַז דֶעם צֶעטְל זָאל עֶר מִיטְנֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָארְט אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶלְ'ט דִי אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

# דִי שֶׁעְנְסְטֶע מַתָּנָה

דִי שֶׁעְנְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אִיז אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט, אַוַדַאי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען גֵיין אַלֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט, בִּפְרַט אִין אַ פֶעלְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן יִשׁוּב, אוּן דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִיבֶּערָאל, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן נָאר צוּ גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער וַוארְטְן צוּ קֶענֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַרוֹיסְפָארְן מִיט אַ חֲבוּרָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערְנָאךְ כַאפְּן אַ טֶענְצְל וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם אִיז גֶעעֶנְדִיגְט בִּיזְ'ן קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פוּן אוּנְז גֶעוָואלְט גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי דִי חַיּוֹת אִין וַואלְד וָואס זֵיי בְּרוּמֶען שְׁטֶענְדִיג, אַזוֹי זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג בְּרוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ!

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, מַאכְט בַּיי אִים נִישְׁט אוֹיס וואוּ עֶר אִיז, עֶס אִיז אִים נִישְׁט קֵיין שׁוּם חִילוּק צִי עֶר אִיז אִינְדֶערְהֵיים צִי עֶר אִיז אוֹיפְ'ן גַאס, וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט עֶפֶּעס אַיינְקוֹיפְן, זָאגְט עֶר קוֹדֶם שְׁטִילֶערְהֵייט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם"... דֶערְנָאךְ פִירְט עֶר אוֹיס, "אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר אַ פְלֶעשְׁל מִילְךְ אוּן אַ בְּרוֹיט"! אָדֶער עֶר גֶעט אַ קְרֶעכְץ הוֹיךְ: "אוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם"... אוּן דֶערְנָאךְ בֶּעט עֶר דֶעם אֵייגֶענְטוּמֶער וָואס עֶר דַארְף; דָאס מֵיינְט אַז דִי אֱמוּנָה אִיז שׁוֹין גַאנְץ, אַז מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ אוּן אוֹיף יֶעדְן פְלַאץ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן דֶעם, אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קֵיין חָכְמוֹת, זִיךְ נֶעמֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווארִיל אִיז דֶעם וָואס אִיז דָאס מְקַיֵּים פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט וֶועט אִים גוּט זַיין נָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זִיכֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס הָאבּ זִיךְ נִישְׁט פַיינְט)

### אַ תְּפִלָּה צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוּן אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וְתַטֶּה לֵב הַמַּלְכוּת עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וְתִגְזוֹר עָלֵינוּ גְּזֵרוֹת טוֹבוֹת, בֵּייג דִי הֶערְצֶער פוּן דִי רֶעגִירוּנְג זֵיי זָאלְן זַיין גוּט צוּ אִידְן, זֵיי זָאלְן אוּנְז אַרַיין לָאזְן צוּם רֶבִּי'ן.**

>>>>>>
הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ נַייעֶ מַלְבּוּשׁ!", אִיז רֶבִּי נָתָן שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבְּן מִיט וואוּנְדֶער: "אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן? עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט לֶעבְּנְס וִויכְטִיג?!", הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַזַא קְלֵיינֶע זַאךְ?!", אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט: "אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ, אִיז עֶר צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בְּהֵמָה, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְלָאזְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט, מֶען לֵייגְט אִיר אַרָאפּ שְׁטְרוֹי אוּן זִי עֶסְט וִויפִיל זִי קֶען נָאר, אָבֶּער דֶער עִקַּר מַעֲלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט, עֶסְן, קְלֵיידֶער וְכוּ', בַּאקוּמְט עֶר פוּן בַּאשֶׁעפֶער נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רלג).

(קוּנְטְרֵס הָאבּ זִיךְ נִישְׁט פַיינְט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין מִשְׁפָּחָה רוֹדְפְ'ט מִיר וֶועגְן אוּמַאן?

*שְׁאֵלָה:*

*לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,*

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט מַחְשִׁיב בְּרֶסְלֶב, אוּן זֵיי דְרֵייעֶן מִיר כְּסֵדֶר אַ קָאפּ וֶועגְן מַיין מַאן וָואס פָארְט קַיין אוּמַאן. נִישְׁט נָאר דָאס יָאר מִיט קָארָאנֶע, נָאר יֶעדֶעס יָאר סְ'אִיז דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס זֵיי זָאגְן מִיר אַז אוֹיבּ וִויל אִיךְ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ טָאר אִיךְ נִישְׁט לָאזְן מַיין מַאן פָארְן, סְ'אִיז אַ סַכָּנָה וְכוּ' וְכוּ' אַלֶע זַאכְן וָואס מְ'קֶען זָאגְן.

אָבֶּער דָאס יָאר סְפֶּעצִיעֶל, רוּפְן זֵיי מִיר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט מִיר צוּ זָאגְן וִוי סַכָּנוֹת'דִיג סְ'אִיז, אוּן אַז דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט, אוּן סְ'אִיז דָאךְ דָא קָארָאנֶע וְכוּ', אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג מְנִיעוֹת צוּ שִׁיקְן מַיין מַאן צוּ אַ וַוייטֶע פְלַאץ אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אַזוֹי לַאנְג, סְ'אִיז מִיר שׁוֹין גֶענוּג שְׁוֶוער אָן דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים, אוּן דִי רְדִיפוֹת פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט עֶס נָאר עֶרְגֶער.

אוֹיךְ, מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם לָאזוּנְג, "לֶעבּ אוּן לָאז לֶעבְּן", אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ מִישְׁן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס לֶעבְּן זֵיי צוּ זָאגְן וָואס צוּ טוּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ גוֹי'טֶע, הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אוּן וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ יָא אַרַיין גֶעמִישְׁט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר טָאר אִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז, אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן אִים נִישְׁט לִיבּ, אוּן מִיר זֶענֶען אִים נִישְׁט מְחַזֵּק, אוּן וִוי אַזוֹי גֵייט עֶר צוּרִיק וֶוערְן פְרוּם אוֹיבּ מִיר שְׁטוּפְּן אִים וַוייטֶער וְכוּ' וְכוּ'. אָבֶּער וֶוען מַיין מַאן וִויל פָארְן צוּם צַדִיק, זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ אִים אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אִין דֶעם מִישְׁן זֵיי זִיךְ יָא אַרַיין.

סְ'טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז זֵיי שְׁפֵּייעֶן אוֹיף עֶפֶּעס וָואס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב בַּיי אוּנְז. בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן אִיךְ רֶעד מִיט זֵיי אַסַאךְ. אִיךְ הָאבּ זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן, אָבֶּער סְ'הֶעלְפְט נִישְׁט. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

*בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ*

יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.

זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן גֶעוואוֹיר אַז דֶער אֵיידֶעם פָארְט קַיין אוּמַאן הֵייבְּן זֵיי אָן רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר טָאכְטֶער, זֵיי לֵייגְן גְרוֹיס דְרוּק זִי זָאל שְׁטֶעלְן אַ ווִידֶערְשְׁטַאנְד אוּן נִישְׁט לָאזְן דֶעם מַאן פָארְן קַיין אוּמַאן.

אַנְשְׁטָאט דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט אִיר מַאן, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵיידֶעם פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אִים – רוֹדְפְ'ט מֶען דֶעם אֵיידֶעם אוּן דִי טָאכְטֶער; וִוי מֶען קֶען שְׁטֶעכְן גֶעבְּט מֶען אַ שְׁטֶעךְ אוּן וִוי מֶען קֶען מַאכְן אַ ווִיץ מַאכְט מֶען אַ ווִיץ, אָן טְרַאכְטְן וִוי שְׁטַארְק דָאס טוּט וֵויי.

וָואס זָאל מֶען טוּן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז פַארְשֶׁעמְט, וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים – לָשׁוֹן הָרַע; דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן בְּרֶסְלֶב, דָאס מַאכְט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי מוּז דָאס גֵיין, עֶס דַארְף זַיין לֵיצָנוּת אוֹיף אַ צַדִיק. אוֹיף אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים אִיז דָא לֵיצָנוּת, חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ח): "אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵצָנִים", אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא לֵצִים; אַלֶע צַדִיקִים הָאט מֶען גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵיי.

יֶעדֶע פְרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס וִויל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁפֶּעט; אַנְדֶערְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַלֶע גוּטְס. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ד' - מִזְּבוּב וְעַכָּבִישׁ) וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן מִיט זַיין נְשָׁמָה אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, וִוי דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אַיינְגֶעבוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה", מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט אַז דִי עֵצָה זֵייעֶרֶע אִיז לֵיצָנוּת; מֶען שְׁפֶּעט פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּי'נְ'ס מֶענְטְשְׁן, פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים. דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם הַאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אָפּ פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט פוּן אֵייעֶר מִשְׁפָּחָה אַז זֵיי זֶענֶען פְרַיינְטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן דִי שִׁיטָה פוּן 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן' וְכוּ' וְכוּ'; דָא קֶענְט אִיר זֶען דָאס פַארְפוֹילְקֵייט פוּן דִי
<<<<<<

**נאך פילע ברווו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**




BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אַלֶע לִינְקֶע וְכוּ׳ וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס מִיט אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים אַז מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן לֶעבְן זֵייעֶר וֶועג - וִוי לִיגְנְט אוּן פַאלְש דָאס אִיז; וְהָא רְאַיָ׳, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶרְלִיכְקֵייט, וֶוען עֶס קוּמְטצוּ זַיין פְרוּם - דֶעמָאלְט פַארְגֶעסְט מֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעמַאכְטֶע שְׁפְּרִיךְ וָוארְט: ׳לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְן׳. דִי פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן מֶעג מֶען טְשֶׁעפֶּען, דִי דַארְף מֶען רוֹדְפְ׳ן; פְּלוּצְלוּנְג אִיז נִישְׁט דָא דֶער בַּאגְרִיף ׳לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְן׳, יֶעדְן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן טוּן וָואס זֵיי ווִילְן - בִּיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; אִים רַייסְט מֶען אַרָאפּ, בַּיי אִים אִיז מֶער נִישְׁט דָא ׳לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְן׳, אִים דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעסְפֶּעקְטִירְן וְכוּ׳.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוֹילֶער מַאן; לֶעבְּט מִיט אִים, זַייט אִים מְכַבֵּד, זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל פָּארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן טְשֶׁעפֶּען אַייךְ זָאלְט אִיר גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; טַעֲנָה׳ט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, זָאגְט זֵיי אַז אִיר דַארְפְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, אַ פְרוֹי דַארְף טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם מַאן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבוֹא תש״פ)

## ביהמ״ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

## זמן אמירת סליחות בבית מדרשינו מוצש״ק פ׳ נצבים וילך, א׳ סליחות

### בשעה 1:00

**בברכת כתיבה וחתימה טובה - הגבאים**

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בליצרקובסקיה 28 - אומאן

## זמנים לראש השנה תשפ״א

### ערב ראש השנה

| | |
|---|---|
| סליחות ליל זכור ברית | 1:00 |
| פדיון נפש | אחר סליחות |
| שחרית ערב ראש השנה | 8:00 |
| פדיון נפש | אחר שחרית |

### ראש השנה

| | |
|---|---|
| זמן הדלקת הנרות | 6:47 |
| מנחה ערב ר״ה | בזמן הדלקת הנרות |
| שחרית | 8:00 |
| מנחה | 6:15 |
| דרשה | 6:45 |
| זמן מוצאי יו״ט | 8:13 |

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

*פתח לנו שער בעת נעילת שער:*

## אידן רייסן איין בתפלה ותחנונים צו קענען זיין ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן אויף ראש השנה

שטייענדיג געציילטע טעג איידער מ׳דארף זיך ארויסלאזן צום הייליגן רבי׳ן אין אומאן אויף ראש השנה, שטייגט די אנגעצויגנקייט ביי אידישע קינדער וואס ווילן אזוי שטארק פארן צום הייליגן רבי׳ן, און די גרעניצן זענען נאך דערוייל פארשלאסן.

יעדעס יאר איז גרויס די בענקעניש צו פארן צום הייליגן רבי׳ן, וואס האט צוגעזאגט צו זיין א גוטער אדוואקאט, און אויס׳פועל׳ן א גוט געבענטשטע יאר פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אבער דאס יאר איז די גלוסט פיל גרעסער, נאכ׳ן אריבערגיין אזא שווערע יאר, וואס מ׳האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלן דעם פארגאנגענעם ראש השנה וואס עס ווארט אונז אפ במשך דעם יאר, וויל יעדער פארן און זיך אויסבעטן און אויס׳פועל׳ן א גוטע יאר, אבער ליידער האט מען פארשפארט די גרעניצן פון אוקריינע, און דער אייבערשטער ווארט אויף נאך תפלות פון אידישע קינדער, ותטה לב המלכות עלינו לטובה, אז מ׳זאל אריינלאזן די אידן קיין אומאן אויף ראש השנה.

מיט תפלה קען מען באווייזן וואונדער, תפלה איז העכער פונעם דרך הטבע, און דערפאר הערן אידן נישט אויף מתפלל צו זיין ווי מער אז מ׳זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי׳ן, אן תפלה קען מען גארנישט באקומען.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תה): "הראש השנה שלי הוא חידוש גדול, והשי״ת יודע שאין הדבר הזה בירושה מאבותי, רק השי״ת נתן לי זאת במתנה, שאני יודע מהו ראש השנה, לא מבעיא אתם כולכם בודאי תלויין בראש השנה שלי, אלא אפילו כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי", איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך וויס וואס ׳ראש השנה׳ איז, און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו זיין אויף ראש השנה ביים הייליגן רבי׳ן, מקבל זיין אלע גרויסע תיקונים, און מיר זאלן שוין פטור ווערן פון אלע צרות און פראבלעמען, עס זאל קומען א גוטע זיסע יאר, מיט אלע ישועות פאר אידישע קינדער.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

***

## שיינע מסיבת לחיים ביי הגה״צ מקארלסבורג שליט״א

די וואך דינסטאג איז פארגעקומען א שיינע מסיבת לחיים אין שטוב פון הגה״צ קארלסבורגער רב שליט״א, צום שידוך שליסן פון החתן אלחנן חיים נ״י, א זון פון ראש ישיבה שליט״א, עב״ג בת מו״ה מרדכי אינדיג שליט״א, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.

דער גרויסער זיידע האט זיך יעצט צוריק געקערט פון מירון, נאכ׳ן ווייל דארט פאר עטליכע וואכן, און אזוי ווי ער האט נישט געקענט מיטהאלטן פערזענליך ביים שידוך שליסן, איז מען יעצט אריבערגעגאנגען צו מאכן דעם לחיים.

די מסיבת לחיים איז פארגעקומען אויף אן ענגן פארנעם, עס זענען זיך צוזאמגעקומען קרובי המשפחה און ידידים. דער רב שליט״א האט געזאגט דברות קודש און אנגעוואונטשן ברכת קודש פאר די בעלי שמחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט אסאך נחת און שמחה געזונטערהייט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## צוויי פרישע חתנים אין ישיבה

די בחורים אין ישיבה פרייען זיך מיט די שמחה פון צוויי פרישע חתנים אין ישיבה. הבה״ח יושע ראבינאוויטש נ״ו, א זון פון ביאלער רבי פון בארא פארק שליט״א, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מוה״ר יוסף לייפער שליט״א פון ירושלים. און דער צווייטער חתן איז הבה״ח יואל משה מייזעלס נ״ו, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מו״ה שמואל לייב פעלבערבוים הי״ו פון קרית טאהש, קאנאדא.

אזוי ווי יעדעס יאר נאך חמשה עשר באב, ווען די בחורים הויבן אן לערנען מסכת תענית יעדן טאג פאר 40 טעג ביז ראש השנה, אזוי ווי מוהרא״ש האט געזאגט פאר די בחורים, הויבן אלץ אן צו ווערן פרישע שידוכים אין ישיבה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן אז אלע בחורים זאלן טרעפן זייער ריכטיגער שידוך בקרוב.

מיר וואונטשן פאר די צוויי פרישע חתנים אז דער אייבערשטער זאל העלפן דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט אסאך נחת און שמחה געזונטערהייט.

**קול מצהלות חתנים מחופתם!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **יוסף שניצלער** הי״ו, ברסלב

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

החתן **יושע ראבינאוויטש** הי״ו, בארא פארק

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג

החתן **יואל משה מייזעלס** הי״ו, וויליאמסבורג

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג


## שלום בית

מיר זענען שוין געווען ביי די גרעסטע פראפעסיאנאלן און קיינער האט אונז נישט געקענט העלפן. ס׳איז אבער יא דא א וועג:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 5, 29**

## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן; עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך.

בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס.

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

Travel the right way

**718-506-4341**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**